7 די, וועלכע וואוינען אין הימל. און עס איז איר
געגעבן געוואָרן צו פירן אַ מלחמה קעגן די קדושים,
און זיי מנצח צו זיין; און עס איז איר געגעבן
געוואָרן ממשלה איבער יעדן שבט און פֿאָלק און
8 לשון און אומה. (דניאל ז׳, כא׳, כה׳.) און עס וועלן זיך
בוקן צו איר אַלע איינוואוינער פֿון דער ערד,
וועמעס נאָמען איז נישט פֿאַרשריבן אין דעם ספר
החיים פֿון דעם לעמעלע, וואָס איז געשחטן געוואָרן
9 זינט בריאת העולם. אויב עמיצער האָט אַן אויער, זאָל
10 ער הערן. אויב איינער נעמט געפֿאַנגען, וועט ער
גיין אין געפֿאַנגענשאַפֿט; אויב איינער טייט מיט
דער שווערד, מוז ער אַליין געטייט ווערן מיט דער
שווערד. דאָ אָ איז די סבלנות און דער גלויבן פֿון
די קדושים.
11 און איך האָב געזען אַן אַנדערע חיה אַרויפֿ־
שטייגן פֿון דער ערד; און זי האָט געהאַט צוויי
הערנער, ענלעך צום לעמעלע, און גערעדט ווי אַ
12 שלאַנג. און זי האָט אויסגעאיבט די גאַנצע געוועלטיקונג פֿון דער
ערשטער חיה פֿאַר איר און מאַכט די ערד און די,
וואָס וואוינען אויף איר, אַז זיי זאָלן זיך בוקן
צו דער ערשטער חיה, וואָס איר טויטלעכע
13 מכה האָט זיך אויסגעהיילט. און טוט גרויסע
מופֿתים, אַז אַפֿילו פֿייער פֿון הימל מאַכט זי אַראָפּ־
14 נידערן אויף דער ערד פֿאַר די מענטשן. און
פֿאַרפֿירט די איינוואוינער אויף דער ערד דורך
די מופֿתים, וואָס זענען איר געגעבן געוואָרן צו
טון פֿאַר דער חיה; און זאָגט צו די איינוואוינער
אויף דער ערד, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ בילד צו
דער חיה, וואָס האָט די וואונד פֿון דער שווערד
15 און איז (געבליבן) לעבן. און עס איז איר
געגעבן געוואָרן אַריינצוגעבן אָטעם אין דעם בילד